# יונה ראָזענפֿעלד

## קאָנקורענטן

צוויי אײַזערנע בעטלעך, אַן אָפּגעקראָכענער שפּיגל אָן אַ ראַם, אַ לימענע-קעסטל פֿאַר אַ שאַפֿקעלע, אַ פּאָר בענקלעך מיט אויסגעדרייטע פֿיסלעך און אַ טיש וואָס הינקט אויף איין פֿוס, – דאָס איז מײַן מעבל.

אַ גרויס מויל, בלויע ליפּן, אַ קוויטשעדיקער קול און נאַסע, תּמיד טרערנדיקע, אייגעלעך – דאָס איז מײַן ווײַב.

אַ מיידעלע, אַ צעניאָריקס, אַ פּיסקעלע ווי אויף שרײַפֿלעך, און אייגעלעך ווי בײַ אַ פֿוקסל, און דאַר איז דאָס ווי אַ שפּענדעלע, און שוויסטקע ווי אַ הינדעלע – דאָס איז מײַן טאָכטער.

און אַ ייִנגעלע – קלוג ווי דער טאָג, דאַר און טרוקן ווי אַ מצבֿה-שטעקן – דאָס איז מײַן זונעלע, וואָס זען זעט עס אויס ווי אַ יאָר פֿינף, אָבער אַלט איז דאָס זיבן יאָר.

דאָס דריטע קינד איז אַלט צוויי יאָר. גרויס איז דאָס ווי אַ וואָכעניק, אָבער ווײנען ווײנט עס און שרײַען שרײַט עס שוין גאָרנישט נאָך דער גרייס נאָך.

אַ קליין מענטשעלע, מיט אַ קליין, שיטער בערדעלע, מיט קליינע, שוואַרצע אייגעלעך – דאָס בין איך, איך אַליין, איך – דער מאַן פֿון דער ווײַב און דער טאַטע פֿון די דרײַ קינדער. וואָס איך טו? איך טו גאָרנישט, איך טו בלויז דאָס, וואָס מײַן ווײַב דאַרף טאָן.

גאַנץ פֿרי, ווי איך שטיי נאָר אויף, צעלייג איך אַ פֿײַער און קאָך אויף אַ טשײַניק וואַסער. דערנאָך וועק איך אויף מײַן ווײַב, גיב איר אויסטרינקען אַ גלאָז טיי און פּראָוואַדע זי אַרויס אין מאַרק אַרײַן. דערנאָך נעם איך זיך ערשט צו דער חברה, טו זיי אָן, וואַש זיי אַרום און האָדעווע זיי אָן. אָבער נישט אַלע מאָל גיט זיך עס מיר אַזוי גרינג אײַן. עס טרעפֿט, אַז דאָס פּיצל צעגעזגעט זיך: ס׳וויל נאָר צו דער מאַמען, און דער עלטערער נאָך איר. כאַפּ איך דאָס פּיצל אויף די הענט, לויף צו צום פֿענצטער און הייב אָן פּיקן אין די שויבן, קלאַפּן אין טיש, קלינג אין אַ גלאָז, קנאַק מיט דער צונג, און אַזוי, האַלטנדיק דאָס פּיצל אויף די הענט, נעם איך אײַן מײַן ייִנגעלע אויך: איך שפּיל זיך מיט אים אין פֿערדלעך, אַ מאָל איז ער דער פֿערד און איך דער קוטשער, אַ מאָל פֿאַרקערט. אַ מאָל שפּיל איך זיך מיט אים אין סאָלדאַטן. ער קאָמאַנדעוועט מיט מיר, איך מיט אים: ״קרו-אָם, נאַ-ליעוואָ מאַרש! אַז-דוואַ, אַז-דוואַ!״ און אַז איך שטיל זיי אײַן, פֿאַרבעט איך די בעטן, קער אויס די שטוב און שטעל צו וואַרמעס. און ווי עס ווערט נאָר פֿאַרטיק, כאַפּ איך באַלד און גיס אַראָפּ אין אַ קליין טעפּעלע, מאַך ריין אַ שיסל מיט אַ לעפֿל — און פּאָשאָל! איך לויף אָן אַן אָטעם (קיין זייגער איז דאָך בײַ מיר נישטאָ, ווײַזט זיך מיר תּמיד אויס, אַז איך האָב פֿאַרשפּעטיקט). און דאָס האַרץ קלאַפּט: אָט זע איך שוין די בודקעלעך און די טאַפּטשאַנעס צווישן די בודקעלעך און אַרום די בודקעלעך. אויף די טאַפּטשאַנעס ליגן אָנגעלייגט גאַנצע בערג ציבעלעס מיט רעטעך, בוראַקעס מיט קרויט, פּעטרושקע מיט מערעלעך, קאַרטאָפֿלִיעס מיט כריין און נאָך אַזעלכע מינים קרײַטעכצער, ביטערע און זיסע, זויערע און ווײַניקע. אָט לעבן אַזאַ טאַפּטשאַן מיט אַזעלכע שאַר-ירקות דערקען איך שוין דאָס ווײַב מײַנס.

און ס׳טרעפֿט זייער אָפֿט, אַז אַזוי לויפֿנדיק פֿאַרגיס איך מיר די קאַפּאָטע מיט זופּ, און ווען באַמערק איך עס, ווען זי גיט אַ סטאַרטשע אויס די קעלבערשע אויגן אירע אויף מיר און באַגעגנט מיך מיט אַ שטיל אײַנגעהאַלטענעם ״בראָך״.

— וואָס איז?

— זע נאָר!...

דאָ הער איך, ווי מען שטיקט זיך שוין מיט געלעכטער. איינע אַ גראָבע ייִדענע מיט אַ פֿאַרברענט געזונט פּנים, וואָס זיצט אַנטקעגן מײַן ווײַב, וואַקלט זיך אַזש פֿון איין זײַט אין דער צווייטער, האַלט זיך מיט ביידע הענט בײַ איר בויך – אַזוי געשמאַק לאַכט זי. מײַנע צופּט דאָרט הינטן פֿון די פּיס, פֿון מײַנע, שטיקלעך.

אָבער נישט אַלע מאָל קום איך אָפּ מיט אָט דער צופּעניש. עס טרעפֿט נישט זעלטן, אַז נאָך דעם ווי זי האָט מיך דאָרטן הינטן גענוג אָנגעקנייפּט, כאַפּט זי ערשט אַ בורעק בײַם מיידל און וואַרפֿט מיר אין קאָפּ אַרײַן. און אַז ס׳ענדיקט זיך מיט דעם, דאַנק איך נאָך אויך גאָט. אַ מאָל איז זי מיר ערשט מקיים-פּסק, ווען זי קומט אַהיים פֿון מאַרק, ווײַל זי דאַנקט דאָך גאָט, אַז זי באַקומט אַ געלעגנהייט זיך צו טשעפּען צו מיר. בין איך, אָבער, אויך נישט קיין פֿרומאַק און ענטפֿער איר אָפּ, און טאַקע כּפֿל כּפֿלים, און ס׳דערגייט אַ מאָל צו אַן אמתער מלחמה: זי מיר אַ שטופּ, איך איר אַ שטויס; זי מיר אַ פֿײַג אין די ציין אַרײַן; מאַכט זי אַ גוואַלד און די חברה מיט איר צו גלײַך; און איך – פּוץ אין דרויסן אַרויס אויף אַלע פּיס. נאָר צו ביסלעך, נישט באַמערקנדיק פֿאַר זיך אַליין, הייב איך אָן גיין פּאַמעלעכער און פּאַמעלעכער, בלײַב ענדלעך שטיין און קוק פֿאַרטראַכט אויף דער ערד, אויפֿן הימל, אויף די הײַזער, אויף די מענטשן, וואָס גייען אויף און אָפּ.

און אַזוי ווי איך בין שטיין געבליבן אַליין, נישט באַמערקנדיק, אַזוי פֿיל איך נישט, ווי איך לאָז זיך גיין צוריק, גיי מיט אַ שווער-אָנגעלאָדן האַרץ, מיט אַ פֿולן קאָפּ, גיי פּאַמעלעך טריט בײַ טריט און, צוגעקומען צו מײַן שטוב, שטעל איך זיך אַוועק הינטער די פֿענצטער און קוק, און זע, ווי זי, די קליינע מײַנע, ס׳הייסט די גרויסע, די עלטסטע, אַרבעט אַזוי געטרײַ, העלפֿט דער מאַמען אירער אויסטאָן די קינדער און באַלייגט איינס אין בעט אַרײַן און דאָס צווייטע, און העלפֿט דער מוטער אַראָפּשלעפּן די גרויסע, שווערע, שיך פֿון די פּיס, און איך טראַכט מיר, אַז דאָס וואַקסט אַ קאָנקורענטין מײַנע. און ס׳איז אין איר צו דערקענען, אַז זי איז זייער צופֿרידן, וואָס איך בין אין שטוב נישטאָ; און איך זע, אַז זי סטאַרעט זיך צו באַווײַזן פֿאַר דער מוטער, אַז מ׳קאָן זיך באַגיין אָן מיר אויך. און ווען דאָס פֿײַער ווערט אויסגעלאָשן, גראָב איך אײַן דאָס פּנים אין אַ שויב און קוק. איך זע גאָרנישט און דאָך זע איך

(אין געדאַנק), ווי עס ליגט אַ פֿרוי, מיט איר צוזאַמען ליגט אַ קליין קינד, צופֿוסנס ליגט אַ מיידל פֿון אַ יאָר צען, און אין צווייטן בעט ליגט דער מאַן אירער, אַ פֿוילער הונט, עפּעס אַ מין טויגעניכטס, וואָס טויג נישט – נישט צו גאָט און נישט צו לײַט. און לעבן אים ליגט זײַנס, און אירס, זייערס אַ ייִנגעלע, – אַלע דאַרע און קלייניניקע, כאָטש קנעט זיי צונויף און מאַך פֿון זיי איין מענטש אַ רעכטן.

איך ווער מיד צו שטיין הינטערן פֿענצטער, דריי אויס דאָס פּנים צום דרויסן, בלאָז ברייט אָפּ פֿון זיך און כאַפּ אַ קוק צו די שטערן. פֿאַרטראַכט זיך אויף זיי און וויל שטאַרק עפּעס דערזען דאָרט. דער הימל ווערט צו מיר נענטער און נענטער, און אָט, דאַכט זיך מיר, בין איך שוין לעבן אים, און איך קוק שוין נישט אויפֿן הימל אַרויף, נאָר אויף דער ערד אַראָפּ. שוין גאָר מעשׂה גרויסער מענטש. אָבער ווי איך קום נאָר אין שטוב אַרײַן, ווער איך מיט אַ מאָל צעקרימט ; מיר דאַכט זיך, אַז איך באַקום אַ קליין, שמאָל מויל, און ווי אַ קליין נאַריש גנבל שאַר איך זיך צו צום ברויט און עס מיט גרויס אַפּעטיט. אַז מײַן ווײַב האָט, אָבער, אַזאַ גרינגן שלאָף, – זי דערהערט באַלד און הייבט מיך אָן באַשיטן מיט שוואַרצע קללות. איך גיי צו צו איר און זאָג איר צו, אַז מער וועט עס שוין בײַ מיר נישט טרעפֿן און אַז איך וועל זיך אויפֿפֿירן גוט און פֿײַן. זי ווערט אַנטשוויגן – מוחל, הייסט דאָס. טו איך זיך שוין אויס און גנבֿע זיך פּאַמעלעך אַרײַן צו איר אין בעט. זי מאַכט זיך געפּגרט, און איך זיך – כלא ידע : וואָס אַרט דאָס מיך? – זאָל זי מיינען, אַז זי נאַרט מיך... און אָט אַזוי, שלעפֿערדיקערהייט, האָב איך שוין דרײַ קינדער מיט איר. מיר שטייען אויף ברוגזע, גלײַך מיר וויסן ביידע פֿון גאָרנישט.

* * *

איין מאָל, דאָנערשטיק אין דער פֿרי, האָב איך צוגעשטעלט אַ טאָפּ וואַסער און גיי, ווי געוויינטלעך, צו מײַן טאָכטער און וויל איר אָנהייבן צעפֿלעכטן די האָר, צוגרייטן צום צוואָגן. פּלוצלינג גיט זי אַ שפּרונג אָפּ ווי אַ האָז און בלײַבט שטיין אַנטקעגן מיר מיט אַ רויט-אָנגעבלאָזן פּנים. איך פֿרעג זי : וואָס איז דאָס? ענטפֿערט זי מיר נישט. גיט אויף מיר אַ בייזן קוק און בלאָזט זיך נאָך מער אָן. פֿרעג איך זי ווידער : וואָס איז דאָס? ענטפֿערט זי ווידער נישט.

– ווילסט זיך נישט צוואָגן? – פֿרעג איך.

– איך דאַרף נישט, דו זאָלסט מיך צוואָגן, – ענטפֿערט זי מיר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שפּילט זיך מיט אירע פֿינגער.

– וואָס הייסט?

– איך קאָן זיך שוין אַליין צוואָגן!

– ווילסט נישט, איך זאָל דיר צוואָגן?

– ניין!

– פֿאַר וואָס?

– איך קאָן שוין אַליין צוואָגן.

מילא, איז נישט געטאַנצט. נישט – איז נישט. גיי איך שוין צו דער פּליטע און זע, עס זאָל זיך גיכער אָנוואַרעמען דאָס וואַסער, איך זאָל אויסצוואָגן די צוויי קלענערע חברה. און אַז עס האָט זיך שוין אָנגעוואַרעמט דאָס וואַסער, גיי איך צו צו מײַן ייִנגעלע און הייב אים אָן אויסטאָן. נאָר זי שפּרינגט ווי פֿון דער ערד אַרויס, גיט אים אַ כאַפּ בײַ אַ הענטל און רײַסט אים אַוועק פֿון מיר.

– וואָס הייסט דאָס?

זי האַלט אים בײַם הענטל און ענטפֿערט נישט.

– וואָס הייסט דאָס?!

זי ענטפֿערט נישט.

גיי איך צו און וויל אים נעמען, האַלט זי אים און זאָגט אונטער דער נאָז:

– איך וועל אים אַליין צוואָגן.

– נײַס! וואָס הייסט דו, דו וועסט אים צוואָגן?

מיר איז שוין אַרײַן עפּעס אין דער נאָז. איך שלעפּ ס׳ייִנגל און זי האַלט אים.

איך באַטראַכט זי אַ פּאָר מינוט און פֿרעג:

– וואָס עפּעס פּלוצלינג איז דיר אַרײַן אין קאָפּ זיך אַליין צוואָגן און אים צוואָגן?

– ס׳אַ רחמנות אויף דער מאַמען – ענטפֿערט זי מיר.

– וואָס אַ רחמנות אויף דער מאַמען?

– ס׳אַ רחמנות אויף דער מאַמען. זי האָרעוועט און דאַרף דיר געבן עסן.

– נו?

– און אַז איך וועל זיך אַליין צוואָגן און אָנטאָן יאַנקעלען מיט מינדעלען, וועסטו קאָנען גיין עפּעס פֿאַרדינען.

– וואָס?

זי ענטפֿערט נישט.

– דו וועסט אָנטאָן יאַנקעלען מיט מינדעלען? זיי געבן עסן, צורוימען די שטוב?

– אַ וואַזשנע מיצאָצע! און דו וועסט קאָנען גיין פֿאַרדינען!

שוין! עס איז שוין בײַ איר גאָר קיין מציאה נישט! וואָס איך מאָרדעווע זיך אָן אַ גאַנצן טאָג. וואָס איך אַרבעט! די קליינע רײַסט מיר צען מאָל אַ טאָג די באָרד אויס. איך ווער הייזעריק, איידער איך פֿאַרוויג זי. זאָגט זי גאָר אַז עס איז גאָר קיין מציאה נישט. פֿאַרדינען שיקט זי מיך! הייסט דאָס, דאָ פֿאַרדין איך מיר מײַן עסן נישט. אַן אומזיסטער עסער בין איך! און זי וויל פֿאַרנעמען מײַן שטעלע. און וואָס וועל איך טאָן, וווּהין זאָל איך גיין? פֿאַר אַ ניאַנקע סײַדן? פֿאַר אַ ניאַנקע! אויף וואָס דען טויג איך? אָבער ניין, איך וועל דאָס נישט דערלאָזן! וואָס הייסט, אַזאַ שנעק זאָל מיך

טרײַבן פֿון שטוב? זי וועט גיכער אַוועקגיין פֿון דאַנען, איידער איך. דאָרטן, ווו עס גייט שוין וועגן פּרנסה, וועגן ברויט, וועל איך מיר שוין נישט לאָזן שפּײַען אין דער קאַשע. אויף טויט און לעבן וועל איך גיין!

– קום נאָר אַהער! ווער האָט דאָס דיר געהייסן זאָגן? די מאַמע?

– ניין, אַליין!

– אַליין?

– איך זאָג, אַליין.

– וואָס הייסט אַליין? אַליין זאָגסטו דאָס? די מאַמע האָט דאָס דיר נישט געהייסן זאָגן?

– ניין!

– ניין??

– ניין!

– הייסט דאָס, זאָגסטו דאָס אַליין?

– אַליין! די מאַמע האָט דאָס מיר נישט געהייסן זאָגן!

– הייסט דאָס, ווילסטו מיך אַרויסטרײַבן פֿון שטוב?

ענטפֿערט זי נישט.

איך כאַפּ זי אָן בײַם צאָפּ:

– דו ווייסט, זאָג איך, אַז איך בין דיר אַ טאַטע?

זי פּרוּווט זיך אַרויסרײַסן.

– דו ווייסט, זאָג איך איר, אַז איך בין דיר אַ טאַטע? און אַ טאַטע – וואָס ער וויל, קאָן ער טאָן מיט זײַן קינד, אַפֿילו טייטן דיך. דו

ווייסט, אַז אַ טאַטע איז מחויבֿ צו שטראָפֿן זײַן קינד, און אויב ס׳גייט נישט אין רעכטן וועג, מעג ער דאָס אַפֿילו הרגענען, ווייסט?!

ווײַזט אויס, אַז איך האָב שטאַרק געשריִען, ווײַל דאָס קינד האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. זי האָט זיך געגעבן אַ ריס אויס פֿון מײַנע הענט, איז צו צום קינד און עס גענומען פֿאַרוויגן און צוזינגען מיט דעם לידל, וואָס איך זינג עס. דאָ בין איך שוין גאָר פֿון די כּלים אַרויס. וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט זי צו פֿאַרוויגן דאָס קינד מיט מײַנס אַ לידל, אַ לידל וואָס איך האָב עס אַליין אויסגעקלערט? אויב אַזוי... איך בין מיט פֿעסטע טריט צוגעגאַנגען צום וויגל, זי געגעבן אַ שטויס אָפּ און אַליין גענומען פֿאַרוויגן דאָס קינד:

אוי ליו-ליו, מיידעלע,
די מאַמע וועט דיר מאַכן אַ קליידעלע,
דער טאַטע וועט דיר וואַשן דאָס קעפּעלע,
די מאַמע וועט דיר ברענגען אַן עפּעלע,
פֿאַרמאַך, פֿאַרמאַך די אייגעלעך,
די מאַמע וועט דיר ברענגען בייגעלעך,
אוי ליו-ליו, און ליו-ליו.

נישקשה, זי וועט, דאַכט זיך מיר, אויסלעבן אַלע אירע יאָרן און זי וועט אַזוי נישט פֿאַרוויגן אַ קינד, ווי איך.

– מעגסט גיין פֿון דאַנען! – שיסט זי פּלוצלינג אויס – איך קאָן אַליין פֿאַרוויגן דאָס קינד!

– ע-ע-ע, אָט ווו עס האַלט שוין! נו, אויב אַזוי, וועל איך זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען! איך כאַפּ אַראָפּ דעם פּאַסיק פֿון די הויזן און מיט אַלע כּוחות – איבערן קאָפּ, איבערן פּנים, איבער דער פּלייצע, נאַ, נאַ, נאַ, ווייסט וויסן, ווי אַזוי צו זײַן אַן עזות פּנים אַנטקעגן אַ טאַטן, ווייסט וויסן! ווייסט וויסן! ווייסט מיך שוין האָבן צו געדענקען! ווייסט מיך שוין האָבן צו געדענקען.

די צוויי קלענערע חבֿרה האָבן זיך צעקוויטשעט, אויף איר קוקנדיק, און דאָס האָט שוין מיך גאָר פֿון געדולד אַרויסגעבראַכט: איך בין געשפּרונגען פֿון איינעם צום צווייטן און געהרגעט, וויפֿל עס איז נאָר אַרײַן. נאָך דעם האָב איך זיך אַליין אָנגעהויבן צופֿן בײַ דער באָרד.

איך בין צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס און האָב זיך צעוויינט.

פֿאַר נאַכט, ווען די מוטער איז געקומען, זײַנען זיי זי באַלד באַפֿאַלן און יעדערער באַזונדער האָט אויף זײַן לשון אָנגעהויבן דערציילן, ווי אַזוי איך האָב זיי געשלאָגן, און האָבן זיך פֿון דאָס נײַ צעוויינט. דאָס אויסהערנדיק, האָט זי זיך, דאָס ווײַב מײַנס, ווי אַ קלאָץ אַ זעץ געגעבן אויפֿן בעט, אַוועקגעשטעלט די עלנבויגנס אויף די קני און אויף די הענט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, און האָט פֿון צײַט צו צײַט אויף מיר געוואָרפֿן אַ ביטערן קוק, פֿון וועלכן עס איז מיר יעדעס מאָל פֿאַרקילט געוואָרן דאָס בלוט.

– וואָס וועט זײַן דער סוף? – האָט זי פּלוצלינג אַ פֿרעג געטאָן, אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ מיט די פֿול אָנגעגאָסענע אויגן, ווי די קאַלוזשעס.

איך האָב געשוויגן.

– וואָס וועט זײַן? פֿרעג איך דיך...

וואָס האָב איך איר געקאָנט ענטפֿערן?

– דו ווייסט, אַז מ'דאַרף דיך אָפּשיקן אין משוגעים-הויז?

איך האָב איר דווקא געוואָלט פֿרעגן: פֿאַר וואָס האַלט זי דאָס מיך פֿאַר אַ משוגענעם? איין מאָל שלאָגט אַ טאַטע קינדער?

– איך בעט דיך: איך האָב דיך אַזאַ צײַט אויסגעהאַלטן, געגעבן עסן און טרינקען, קליידער און שיך. שוין עלף יאָר נאָך אונדזער חתונה! די גאַנצע צײַט האָסטו אַפֿילו אויף קיין איין וואַרמעס נישט פֿאַרדינט. איך בין אַזוי שוואַך, אַזוי צעבראָכן, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין מיר. וואָס האָסטו זיך אָנגעלייגט אויף מיר? נישט גענוג, וואָס איך דאַרף האָדעווען די קינדער, דאַרף איך נאָך דיר געבן עסן? ווו-זשע איז דאָס געהערט געוואָרן?

מיר האָבן זיך אַזש טרערן אין די אויגן געשטעלט. איך האָב זי קיין מאָל אַזוי נישט געהערט ריידן.

– מירעלע, – האָב איך זיך בײַ איר געבעטן: – זי האָט מיך אַזוי באַליידיקט, זי האָט מיך געטריבן פֿון שטוב. איך בין דאָך אַ טאַטע, ס׳טוט דאָך מיר ווי דאָס האַרץ! אַן אייגן קינד טרײַבט דעם טאַטן פֿון שטוב. נו, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? נו, זאָג דו אַליין!

– וואָס-זשע פֿאַר אַ מאַנסביל זיצט אין דער היים און קוקט אַרויס, דאָס ווײַב זאָל אים געבן עסן?

– דאָס האָסטו איר געהייסן זאָגן?

זי האָט מיך אָנגעקוקט, קענטיק – נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס איך פֿרעג איר.

– דאָס האָסטו איר געהייסן מיר טרײַבן פֿון שטוב?

שווײַגט זי מיט שווײַגעניש, זיפֿצט מיט זיפֿצעניש און קוקט אויף מיר מיט אַזאַ קוקן, אַז ס׳גליווערט אין מיר דאָס בלוט.

– דאָס האָסטו איר געהייסן אַליין צוואָגן די קינדער? זי קאָן דען צוואָגן די קינדער? זי קאָן דען אַפֿילו אַ מינוט האַלטן דאָס קינד אין די הענט?

– איך קאָן בעסער פֿון אים! – שרײַט אויס די קליינע.

– אָ, ווי לאַנג קרענקסטו, דו חצופֿה דו! דו קאָנסט נאָר זײַן אַ שייגעץ אַקעגן טאַטן!

– און ער קאָן זי נאָר שלאָגן!

– נו, יאָ, אַ? זיצט? עס אַרט דיך נישט, דערנאָך וועט זי דיר ריידן אַנטקעגן. לאָמיר זען, דו זאָלסט צוגיין איר געבן עטלעכע פּעטש.

– איך בעט דיך, זאָלסט אַוועקגיין פֿון מיר! הערסט? – שרײַט אויס מײַן ווײַב.

און מיט דעם האָט זיך געענדיקט. זי האָט אַ פּאָר מאָל אָפּגעזיפֿצט און זיך געלייגט שלאָפֿן.

און איך בין ווײַטער געבליבן אויף מײַן שטעלע. די קליינע לאָז איך צום קינד נישט צו. און אין שטוב לאָז איך זי אויך גאָרנישט טאָן. אַפֿילו זיך אַליין צוואָגן לאָז איך זי נישט. און ווען איך קעם זי, רײַס איך איר אויס אַלע האָר פֿון קאָפּ.

* * *

דאַנקען גאָט! איך האָב זיך שוין אויף אַ שטיק צײַט געוואָרנט: מײַן איינציקער אויסקוק איז געווען, מײַן ווײַב זאָל האָבן אַ קליינס, דעמאָלט וואָלט איך שוין גאָר קיין מורא נישט געהאַט פֿאַר מײַן קאָנקורענטקע. איך זע דאָך שוין, אַז זי וויל מיך פּטרן פֿון דער שטוב. זי האָט זיך אַפֿילו אַרויסגערדט, פֿאַר וואָס: אַ צײַגן קליידל, וויל זי, זאָל איר די מוטער מאַכן, האָט איר מוטער מסתּמא געזאָגט, אַז זי קאָן איר נישט מאַכן, פֿאַרשטייט זי, אַזאַ קליינע, אַז דאָס איז איבער מיר. זי ווייסט: ווען זי בלײַבט אַליין אין שטוב, מוז איר שוין די מוטער מאַכן אַ קליידל. נו-נו, וויל זי דאָס מיך אַרויסשטופּן. און איך האָב בײַ זיך טאַקע שטאַרק מורא געהאַט, אַז דאָס וועט זיך איר סוף-כּל-סוף אײַנגעבן. נאָר איצט – ווער הערט זי?! מײַן ווײַב טראָגט אַרום אַזאַ פּיצל, וועט זי שוין נישט קאָנען גיין, איך האָב זיך געפֿלייסט דערצו.... מיר איז דאָס גענוג שווער אָנגעקומען. זי האָט מיך געטריבן פֿון זיך. "דו שלעפּער, דו! נאָך קינדער ווילסטו אָנפּלאָדזען אויף מײַן קאָפּ!" – האָט זי מיר אַלע מאָל געזאָגט, צונויפֿדרייענדיק זיך אין צענען. נאָר ווי אַזוי עס זאָל נישט האָבן פֿאָרגעקומען – איך בין איצט תּקיף. אַפֿילו אַנטקעגן מײַן ווײַב פֿיל איך זיך שוין אויך גרויס. איך גרייס זיך, ווען זי שטייט אַנטקעגן מיר מיטן שפּיציקן בײַכל. איך פֿיל, אַז איך בין אַ מאַן און זי – מײַן ווײַב.

פֿון גרויס פֿאַרגעניגן גיי איך מיר יעדן אויף-דער-נאַכט נאָך וועטשערע שפּאַצירן. איך פֿאַרלייג מיר די הענט אַרונטער, שטעל אַרויס מײַן בויך (מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אַ גרויסן בויך) און גיי פּאַמעלעך מיט קורצינקע טריטעלעך, אַזוי: איינס, צוויי, איינס, צוויי. מיך אַרט נישט: ס'מעג גיין אַ רעגן, אַ שניי, ס'מעג זײַן אַ לבֿנה-נאַכט. מיר איז אַלץ איינס. און כאָטש עס איז אַפֿילו קאַלט, דאָך נעם איך אַראָפּ דאָס היטל און לאָז אויף מײַן קאָפּ לופֿט. איך האָב אים נישט פֿײַנט, מײַן קאָפּ: ער איז נישט קיין נאַר, ער פֿאַרשטייט אַ געשעפֿט.

נאָכן שפּאַציר גיי איך מיר אַרײַן אין שטוב. גיי נישט אויף די שפּיץ-פֿינגער, נאָר מיט פֿעסטע טריט שפּאַן איך אַרײַן, שטעל זיך אַוועק אין מיטן שטוב און באַטראַכט מײַן ביסל פֿאַרמעגן: איינס, צוויי, דרײַ: ווען נישט איך, וואָלטן די דרײַ מענטשעלעך נישט געווען. די דרײַ מענטשעלעך, וואָס ליגן איצט און שלאָפֿן, זײַנען מײַנע, מײַנע אייגענע, מײַן בלוט און פֿלייש. די דרײַ מענטשעלעך זײַנען איך. איך בין – זיי. און דאָס ווײַב מײַנס איז אויך מײַן, זי געהערט נישט צו קיינעם, נאָר צו מיר. דאָרטן, בײַ איר אינעווייניק אין בויך, ליגט אַ שטיקל איך. זײַנען מיר אין איינעם? איינס, צוויי, דרײַ; דאָס ווײַב – איז פֿיר: בײַ איר דאָס קינד – איז פֿינף: מיט מיר – זעקס. בין איך זעקס און די זעקס בין איך. איך פֿאַרנעם אָט די גאַנצע שטוב, אָט ווער איך בין! ! ! האָט-זשע מיר אַ גוטע נאַכט!

* * *

איך גיי אָפּגעריסן, איך קלײַב זיך שוין אַ לענגערע צײַט צו זאָגן מײַן ווײַב, זי זאָל מיר עפּעס וואָס מאַכן: ווײַל איצט איז די בעסטע צײַט, און טאָמער לאָז איך דורך אָט די צײַט, איז פֿאַרפֿאַלן. אָבער איך לייג עס אָפּ פֿון איין מאָל אויפֿן אַנדערן און די צײַט לויפֿט. אָט-אָט, אַ ליאַדע טאָג פֿאַלט זי אַרײַן אין בעט און דעמאָלט וועט שוין זײַן שפּעט. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז איך האָב זיך אין איינעם אַ טאָג פֿאַרשוואָרן, אַז הײַנט אין אָוונט מוז איך איר דאָס זאָגן.

באַלד ווי זי איז אַרײַנגעקומען, האָב איך פֿון איר אַראָפּגעכאַפּט דאָס לײַבל, דאָס אָפּגעטרייסעלט פֿון שניי. איך מעג זאָגן, אַז דער גרעסטער קאַוואַליער וועט אַזוי נישט גיין אַרום זײַן פֿרײַלין, ווי איך אַרום מײַן ווײַב אין דעם אָוונט. נאָר געזאָגט האָב איך נאָך אַלץ נישט, כאָטש נעם און שנײַד די צונג. נאָר ווען זי האָט אָנגעהויבן זיך אויסטאָן אויף לייגן זיך שלאָפֿן, בין איך צוגעגאַנגען צו איר און זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ סאָלדאַט, און נאָכן אָפּשטיין אַ פּאָר מינוט האָב איך איר אויף שטום-לשון מיט איין מאָל געגעבן אַ ווײַז מײַן הולך פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. זי האָט אויף מיר אַ תּמעוואַטן קוק געטאָן. מילא, זע איך שוין, אַז זי פֿאַרשטייט מיך נישט. שטיי איך נאָך אַ פּאָר מינוט און גיב איר ווײַטער אַ ווײַז, גיב איך אַ בייג אָן צו מײַנע פֿיס און גיי אַרויף מיט די הענט צום קאָפּ. קוקט זי ווײַטער. הייב איך איר שוין אָן ביסלעכווײַז צו ווײַזן: איך גיב אַ הייב אויף

איין פֿוס, ווײַז איך איר איין שוך, נאָך דעם – דעם צווייטן: נאָך דעם האָב איך איר געגעבן אַ ווײַז די הויזן פֿון פֿאָרנט און באַלד געמאַכט בואו בשלום און געוויזן פֿון הינטן: נאָך דעם האָב איך איר געגעבן אַ ווײַז איין עלנבויגן, אַ צווייטן, ווי זיי קוקן פֿון די אַרבל אַרויס.

– וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ גלאָמפּ פֿאַר די אויגן? – פֿרעגט מיך מיט אַ מאָל מײַן ווײַב.

איך שווײַג.

– דו ביסט געליימט געוואָרן?

איך ריר זיך נישט פֿון אָרט.

דאָס קליינע קינד צעוויינט זיך פּלוצלינג פֿון שלאָף, איך מיט מײַן קאָנקורענטקע גיבן זיך ביידע אַ וואַרף צום וויגל, נאָר זי האָט עס פֿריִער פֿאַרכאַפּט און עס אָנגעהויבן צו פֿאַרוויגן. שטיי איך שוין נישט אַהער און נישט אַהין. איך ווייס וואָס נישט פֿריִער צו טאָן. און דאָ זע איך, ווי זי פֿאַרוויגט דאָס קינד אויסגעצייכנט, ווי זי וואָלט שוין פֿון צען יאָר אַ מאַמע געווען. איך לויף צו צום וויגל, כאַפּ אַרויס דאָס קינד, כאָטש עס דאַרף נאָך גאָר שלאָפֿן: נאָר זי, די קליינע, גיט דאָס אַ ריס אַרויס און לויפֿט צו מיט דעם צו דער מאַמען. מאַך איך אַ שווײַג, גלײַך עס אַרט מיך נישט, גיי צו אויף מײַן פֿריִערדיקן פּאָסטן און שטעל זיך אַוועק.

– ווי אַזוי האַלטסטו דאָס קינד? – האָב איך פּלוצלינג אָנגעשריִען אויף מײַן קאָנקורענטקע, כאָטש זי האָט דאָס געהאַלטן בעסער פֿון מיר.

– ס׳איז נישט דײַן עסק! – ענטפֿערט זי מיר.

אַ חוצפּה!

– וואָס הייסט, נישט מײַן עסק? דו דרייסט אויס דעם קינד די הענטלעך.

– זאָל דיר נישט אַרן!

– וואָס הייסט, עס זאָל מיר נישט אַרן? איך בין דאָך אַ טאַטע?

– נו-נו?... – ענטפֿערט זי מיר אָנגעלאָדן.

– וואָס, נו-נו? מינדעלע, טאָכטער, קום צו מיר.

– וואָס ווילסטו? וואָס טשעפּעסטו זיך צום מיידל? – פֿרעגט מיר מײַן ווײַב שטרענג.

– וואָס הייסט, וואָס איך וויל? זי דרייט אויס דעם קינד די הענטלעך, איך בין דאָך אַ טאַטע, ס'טוט מיר וויי דאָס האַרץ!

– אָבער זאָל דאָס דיר נישט אַרן!

– וואָס הייסט?

– דו וועסט נישט אַוועקגיין?!

– גיב אַ קוק, ווי אַזוי איך גיי!

– דו וועסט נישט אַוועקגיין פֿון מײַנע אויגן?

– נו, גיב אַ קוק...

– אָן מיר וואָלט שוין מערער מצווה געווען! – רופֿט זיך אָפּ מײַן קאָנקורענטקע – איך האָב נישט קיין פּיצל קליידל אויף זיך.

אַזאַ מין שׂטן!

– פֿאַר וואָס גייסטו נישט האָרעווען?

– גיב אַ קוק, ווי אַזוי איך גיי!

– איך בעט דיך, דו זאָלסט אַוועקגיין פֿון מײַנע אויגן!

איך שטיי.

זי מאַכט קיין סך טענות נישט, קײַקלט זיך צו צו דער וואַנט, כאַפּט אַראָפּ די קאַטשעלקע און הייבט זי אויף איבער מײַן קאָפּ.

די קינדער האָבן געמאַכט אַ גוואַלד, די קאָנקורענטקע מײַנע האָט זיך, ווי עס ווײַזט אויס, דערשראָקן און אַרויסגעלאָזט דאָס קינד פֿון די הענט. אַ-אַ, גוט!... איך האָב פֿאַרגעסן אָן דעם ווײַב מיט דער קאַטשעלקע, איך בין צוגעשפּרונגען צום מיידל, זי אָנגעכאַפּט בײַ די האָר, געשלעפּט ווי אַ צוויג איבער דער גאַנצער פּאָדלאָגע און זי געבוכעט אין די פּלייצעס, וויפֿל עס איז נאָר אין איר אַרײַן, און דערבײַ ווי אַ געטרײַער פּאָטער געשריִען: נאַ, נאַ, ועסט ויסן, ווי צו האַלטן אַ קינד! ועסט ויסן!

עס איז געוואָרן אַ קוויטשערײַ, אַזוי ווי אין אַ מאַרק צווישן חזירים. די קליינע מיט דער גרויסער זײַנען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע און געריסן זיך מיט אַלע כּוחות. דאָס ייִנגעלע מײַנס האָט אײַנגעגראָבן דאָס פּנים אין קליידל אַרײַן און האָט אַהין-צו אַרײַנגעשריִען. און זי, דאָס ווײַב מײַנס איז געשטאַנען ווי אַ ליימענער גולם און האָט גאָרנישט געוווּסט וואָס צו טאָן: צי זאָל זי אויפֿהייבן דאָס קליינע קינד פֿון דער פּאָדלאָגע? צי זאָל זי אײַנשטילן דאָס? צי זאָל זי צוגיין צו יענער? זי האָט געקוקט מיט צווי ווילדע אויגן. פּלוצלינג האָט זי זיך צעוויינט און זיך אָנגעהויבן רײַסן די האָר פֿון קאָפּ, און איך, מיינענדיק, אַז זי איז פֿון די געדאַנקען אַראָפּ, האָב געמאַכט אַ גוואַלד, בין צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער און מיט אַלע פֿינגער אָנגעהויבן פּויקן, מען זאָל זיך צונויפֿלויפֿן.

* * *

מײַן גליק האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן: דאָס קינד האָט אין דרײַ חדשים אַרום נאָכן געבוירן ווערן פֿאַרלאָזט די ליכטיקע וועלט. יאָ, דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אָט די נײַע יצירה דערזען, האָט מיר גלײַך אַ טיאָכקע געטאָן דאָס האַרץ, אַז מײַן גליק וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן, ווײַל ס'איז געבוירן געוואָרן אַ גרייטס צו שטאַרבן.

דער ברית איז געווען אין אַ חודש אַרום נאָכן געבוירן. די קאָנקורענטקע מײַנע האָט זיך געמיאוסט צו דעם צוצורירן דערפֿאַר, וואָס עס איז נישט געווען געמלט. די אַלטיטשקע מײַנע האָט זיך אַ פּאָר מאָל אין טאָג אַרײַנגעכאַפּט דאָס אָנצוזייגן, כאָטש אַלע קינדער

האָבן פֿון קיין ברוסט נישט געוווּסט, חוץ די אַכט טעג אין קימפּעט, און שפּעטער האָב איך זיי אַלע אויסגעכאָוועט מיט אַ סאָסקע.

ווי גליקלעך בין איך אויפֿן ברית געווען! ווער איז דעמאָלט געווען גלײַך צו מיר. הענט האָבן זיך צו מיר געשטרעקט פֿון אַלע זײַטן: "לחיים, בעל ברית! לחיים, בעל ברית!" איך האָב געפֿילט אַז איך לעב, אַז איך פֿאַרנעם עפּעס אויף אַ שטיקל אָרט אין לעבן. נאָר נישט אויף לאַנג איז געווען מײַן גליק. נאָכן ברית איז דעם קינד נאָך ערגער געוואָרן. עס קאָן זײַן, אַז ווען נישט זי, די קאָנקורענטקע מײַנע, וואָלט עס אפֿשר געווען געקלעפּעט נאָך אַ האַלב יאָר, האָט זי, אָבער, דעם קינד מקצר געווען די יאָרן. זי האָט אַלע מאָל געריפּעט מיט דער טיר, צי זי האָט עס באַדאַרפֿט, צי נישט, און זי איז גאָרנישט איבעררראַשט געווען, ווען איך פֿלעג איר אַלע מאָל זאָגן: "חצופֿה, דו ווילסט אַוועקפּטרן דאָס קינד." ניין, זי האָט גאָרנישט אויסבאַהאַלטן און פֿלעגט מיר אָפּענטפֿערן:

– נו, אַז יאָ, ווער האָט מורא פֿאַר דיר?

די גאַנצע צײַט בין איך נאָר אַרום דעם געגאַנגען: קיינער האָט זיך אַפֿילו צו דעם נישט צוגערירט. עס האָט טאַקע געעקלט פֿון דעם, אַ פֿאַרזעעניש איז עס געווען. דאָס פּנימל אַ לאַנגס, אַן אָנגעצויגנס, – האָט עס אויסגעזען ווי אַ זויערע, צעקוועטשטע אוגערקע. קיין לויט פֿלייש האָט דאָס אויף זיך נישט געהאַט, נאָר אַ הויט איז עס נאָכגעהאַנגען, ווי אַ בײַטל. אַז איך האָב עס געהאַלטן, זײַנען די פֿינגער מײַנע געקראָכן אין לײַב אַרײַן, – איך האָב עס געמוזט האַלטן נאָר אין אַ קישן.

נאָר אין דער נאַכט, ווען עס איז געשטאָרבן, האָט עס בײַ מיר גאָר אַן אַנדער חן באַקומען. דאָ האָב איך שוין נישט געזען פֿאַר זיך קיין קינד, נאָר אַ גרויסן מענטש, וואָס פֿאַרשטייט און ווייסט אַלץ. און געוויינטלעך האָב איך שוין דערפֿאַר מורא געקראָגן. שטייענדיק לעבן קינד, האָב איך געציטערט, עס זאָל נישט טרעפֿן מײַנע געדאַנקען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט איצט ווייסט עס אַלץ, – ווייסט, אַז איך האָב עס נאָך מער נישט געקאָנט אָנקוקן, ווי אַלע דאָ אין שטוב.

אַלע זײַנען געשלאָפֿן, דער זייגער האָט באַדאַרפֿט זײַן אַרום דרײַ. אין דרויסן איז אַ פֿינצטערע נאַכט געווען. אַ שרעקלעכער ווינט האָט אין

פֿענצטער געפּײַפֿט און האָט אַלע מאָל געוואָרפֿן גאַנצע ליאַפּוכעס שניי אין די שויבן.

צו דער גסיסה האָב איך אַ ליכטל אָנגעצונדן און גלײַך עס אין פּנים געקוקט. עס איז זיך גאַנץ רויִק געלעגן, נאָר דאָס הערצל האָט זיך בײַ דעם שטאַרק געהויבן. די אײגעלעך האָט עס געהאַלטן לײַכט פֿאַרמאַכט, נאָר אַ מינוט פֿאַרן טויט האָבן זײ זיך מיט אַ מאָל אַן עפֿן געגעבן, אַזעלכע ריינע, שוואַרצע אויגן, און האָבן זיך גלײַך אויף מיר אַוועקגעשטעלט. ״זײַ מיר מוחל!״ – האָב איך צו דעם געזאָגט. און אַזוי ווי איך האָב עס אַרויסגערדט, האָבן זיך בײַ אים די אויגן ווי מיט אַ פֿאַרע איבערגעצויגן, און אַזוי זײַנען זײ אָפֿן געבליבן.

איך האָב דאָס מתל מיט אַ שוואַרצן שאַל צוגעדעקט, צוקאָפּנס האָב איך דאָס ליכטל צוגעקלעפּט און אַליין האָב איך מיט שווערע טריט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

מיט אַ מאָל האָט מיר פֿאַרדראָסן: פֿאַר וואָס קומט מיר איינעם אַליין זיך אַרומדרייען אַרום מת? איך בין גלײַך צוגעגאַנגען צו מײַן ווײַב, איר געגעבן אַ שטאָרך און געזאָגט: ״שטײ אויף! דאָס קינד איז געשטאָרבן!״ זי האָט זיך ווי אַ צעמישטע אויפֿגעכאַפּט. נאָך דעם בין איך צוגעגאַנגען און אויפֿגעוועקט מײַן קאָנקורענטקע און אויסגעשריען: ״שטײ אויף, דײַן ברודער איז געשטאָרבן!״

די מוטער האָט אָפּגעדעקט דאָס קינד און האָט זיך דערויף שטיל צעוויינט. די קליינע האָט אויסגעוואַליעט די אויגן און געציטערט פֿאַר קעלט. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט פֿון דער ווײַטנס, געקוקט אויף זײביידן און געשמייכלט. דערנאָך בין איך צוגעגאַנגען צו מײַן קאָנקאָרענטקע, אָנגענומען זי פֿאַר אַ האַנט, אַרויסגעפֿירט אין מיטן שטוב און אַליין בין איך אויף הינטער-פֿיסלעך אָפּגעגאַנגען פֿון איר, זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן און אָנגעהויבן צו פּלעסקען מיט די הענט און צו זינגען, זי זאָל גיין אַ טענצל.

מײַנע האָט אָפּיסגעשריִען:

– ביסט פֿון זינען אַראָפּ?!

– איך בין נישט אַראָפּ פֿון זינען! דאָס האָט זי דאָס קינד געפּטרט. דאָס קינד וואָלט געלעבט, ווען זי קילט דאָס נישט צו.

– וואָס הייסט?

– וואָס הייסט? וואָס זאָל דאָס הייסן? זי האָט אומישנע געלאָזט אָפֿן די טיר.

איך האָב ווײַטער אָנגעהויבן צו זינגען און צו פּלעסקען.

– ייִדן, גוואַלד! ער איז פֿון זינען אַראָפּ. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּלעסקען? – האָט מײַן ווײַב אַ צעטומלטע געגוואַלדעוועט.

– אומישנע! אומישנע! זאָל דאָס קינד הערן. זאָל דאָס ויסן, ווער עס איז זײַן מלאך-המות. ווען נישט זי, וואָלט עס געלעבט!

איך בין צוגעגאַנגען צום קינד און געזאָגט: "זאָלסט ויסן, הערשל, אַז דײַן שוועסטער מלכּה איז גורם אין דײַן טויט. זי איז דײַן מלאך-המות. איך, דײַן פֿאָטער, מאיר ברבי יצחק, זאָג דיר אָן, דו זאָלסט נישט שווײַגן אויף דײַן פֿריצײַטיקן טויט!"

דאָ איז געוואָרן אַ גוואַלד, פּונקט ווי דער מת וואָלט שוין געהאַט אויפֿגעשטאַנען און זיך גענומען צו דער אַרבעט. די מוטער איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויפֿן קינד און האָט זיך געטרייסלט מיטן גאַנצן קערפּער, געטופּעט מיט די פֿיס און האָט דערבײַ עפּעס גערדט. די קליינע איז ווי אַ משוגענע אַרומגעשפּרונגען איבער דער שטוב און געגוואַלדעוועט. די צוויי קליינע קינדער האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און אויך אָנגעהויבן ריטשען. איך בין שוין גאָר צעדולט געוואָרן. איך בין אַ פּאָר מינוט געשטאַנען און האָב נישט געוווּסט, וואָס מיט מיר טוט זיך. און אַזוי נישט ויסנדיק, האָב איך אָנגעהויבן פּאַקעווען מײַן ביסל וועש. אײַנגעפּאַקעוועט זיך, בין איך צוגעגאַנגען צום געשטאָרבענעם קינד און געזאָגט: "האָב אַ ליכטיקן גן-עדן, מײַן טײַערער זון! דו זאָלסט שטיין און בעטן פֿאַר דײַן אָרעמען טאַטן, וואָס לאָזט זיך איצט אַוועק אין דער וועלט אַרײַן"...

דערנאָך האָב איך גענומען דאָס פּעקל אונטערן אָרעם און מיט אַ קוק זיך אָפּגעזעגנט מיט די צווײ קלענערע קינדער. איך בין פֿאַמעלעך פֿון שטוב אַרויס און אַוועק אין דער שוואַרצער וועלט אַרײַן...

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון מירל שיינהויט-הירשאַן, לעאָנאַרד פּראַגער, נח מילער און רפֿאל פֿינקל.

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved